בס"ד. שיחת ש"פ וארא, ס"מ שבט, ה'תשכ"ז. <u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

א. עס איז דאך דער שבת וועלכער איז אויף מארגן פון כ"ד טבת, דער יום הילולא פון דעם אלטן רבי'ן, איז פארשטאנדיק אז דער שבת האט א שייכות מיט דער הילולא.

נוסף לזה וואס דער שבת קומט גלייך בסמיכות צו כ"ד טבת, איז פאראן אין דעם נאך אן ענין, ווארום דער דין איז דאך אז מ'דארף מוסיף זיין מחול על הקודש, אז אעפ"י אז לויט דעם מהלך השמש איז נאך אלץ פרייטאג, אבער מצד דעם דין פון תוספת שבת, איז בנוגע לכמה וכמה הלכות וענינים, שוין דעמאלט שבת.

קומט אויס, אז די ענינים וועלכע זיינען פאראן אין פרייטאג, ווערן אן ענין של שבת. איז דערפון פארשטאנדיק, אז אזוי אויך בנוגע כ"ד טבת, וואס דאס איז איינע פון די ענינים וואס דער פרייטאג האט אין זיך געהאט אז ער ווערט פארבונדן און ווערט אן ענין של שבת.

לכאורה איז ניט פארשטאנדיק: די הסתלקות איז דאך געווען מיט א סך יארן פריער, איז וואס האט עס פאר א שייכות אויך אין יארן ארום, ביז אין שנת תשכ"ז. אבער פון דעם וואס מ'זעט מנהג ישראל, וואס מנהג ישראל תורה היא, בנוגע אפהיטן יארצייט, איז פארשטאנדיק אז יעדער יאר בשעת עס קומט דער טאג פון יארצייט, טוט זיך אויף א מעין פון די ענינים וואס האבן זיך אויפגעטאן דעם ערשטן מאל.

וואס דאס איז ביי יעדער יארצייט, אבער דארטן איז עס פארבונדן נאר מיט די בני המשפחה. בשעת אבער עס רעדט זיך וועגן א יארצייט פון א נשיא בישראל, וואס דער נשיא האט דאך א שייכות מיט אלע אידן, האט זיין יארצייט א שייכות מיט אלע אידן, וכמבואר בסו"ע – סיי מיט די וועלכע לערנען תורתו, און אויך מיט סתם אידן.

דער עיקר מציאות פון א אידן איז דאך ווי עס שטייט "ובנו בחרת מכל עם ולשון", און האט אונז געגעבן די תורה, איז אלע ענינים וועלכע זיינען נוגע א אידן נעמען זיך פון תורה.

אזוי אויך בנוגע די הילולא פון דעם אלטן רבי'ן, אז דורך דערמאנען זיינע א תורה ווערט אן עילוי בנשמתו, אדער ווי אדמו"ר (מהורש"ב) נ"ע האט געזאגט, אז צדיקים דארפן ניט אנקומען צו אונז מיר זאלן זיי מעלה זיין, ואדרבה, דורך דערויף וואס מיר זיינען פארבונדן מיט זיי, פועל'ן זיי אין די נשמות דא למטה, אז זיי זאלן נתעלה ווערן.

און דאס ווערט אויפגעטאן דורך דעם וואס די תורה פון דעם בעל ההילולא ווערט אן ענין של הוראה בפועל, און ניט נאר אין דעם יום ההילולא, נאר אויך אויף אויפטאן בימים שלאח"ז. ווארום די תורה איז דאך געזאגט געווארן ניט נאר אויף אויפטאן אין דעם יום ההילולא, נאר אויך בימים שלאחרי זה.

וע"י וואס מ'היט אפ אלע עניני יארצייט בכל שנה, און אויך ע"י וואס מ'נעמט א הוראה מתורתו, פירט זיך אויס דער ענין היארצייט במילואה.

אעפ"י אז ס'זיינען פאראן א סך תורות פון דעם בעל ההילולא, איז אבער פאראן א תורה פון אלטן רבי'ן וואס זי האט אין זיך א הוראה כללית ומפורטת על כל יום ויום, ניט נאר אויף שבתים ויו"ט וימים נוראים, נאר על כל יום ויום מימות השבוע.

דער ווארט, ווי כ"ק מו"ח אדמו"ר – וואס זיין יום הילולא איז
חודש שבט, און היינט איז דאך שבת מברכים שבט – האט עס איבערגע-
, איז: אז מ'דארף לעבן מיט דער צייט, און ווי דער אלטער רבי האט
אויסגעטייטשט מיינט דאס, אז מ'דארף לעבן מיט די פרשת השבוע וואס
רנט און וואס מ'לייענט בשני ובחמישי ובשבת, יעדער וואך.

אויב מ'ווייס ניט ווי זיך צו פירן אין ענינים וועלכע פאסירן
די וואך, איז אויב מ'קוקט זיך איין אין דער פרשה פון דער וואך,
מען ארויסנעמען דעם ענין וועלכן מען זוכט.

ענין הנ"ל איז אויך בנוגע די הפטורה של השבוע, ווארום קריאת
ירה האט מען מתקן געווען ווען ס'איז געווען די גזירת המלכות
ניט לייענען בתורה, האט מען מתקן געווען אז די הפטורה זאל פאר-
ן די סדרה (וכמבואר באבודרהם).

איז וויבאלד עס האט געקענט פארבייטן די פרשת השבוע, איז
טאנדיק אז אזוי ווי מ'קען ארויסנעמען אלע ענינים פון דער פרשה,
מען עס אויך ארויסנעמען פון דער הפטורה.

און דאס איז נוסף לזה וואס דער תוכן ההפטורה איז פארבונדן
ער פרשה, ווארום אין דער הפטורה רעדט זיך מעין המאורעות
דרה, קומט אויך צו די מעלה וואס דאס ווייזט אויף נאך מערער
ת ביניהם, אז די הפטורה האט געקענט פארבייטן די פרשה.

דער ערשטער ענין אין דער הפטורה פון היינטיקער סדרה רעדט
ועגן נבואת יחזקאל (יחזקאל כט) בנוגע צו מפלת מצרים.

דער קישור פון דעם צו די פרשת השבוע איז פארשטאנדיק, ווארום
יקע סדרה רעדט זיך דאך אויך וועגן די מכות וואס די מצריים האבן
ען, וואס דאס איז דאך געווען די התחלה פון מפלת מצרים.

עס איז אבער פאראן אין דער הפטורה נאך ענינים:
און דאס איז וואס אין דער הפטורה דערציילט זיך, אז דער
רשטער האט בעזאגט, אז וויבאלד נבוכדנצר האט איינגענומען צר,
ין אן אופן פון "כל ראש מקרח וכל כתף מרוטה", אז עס איז אנ-
ען זייער שווער, איז דערפאר האט אים דער
שטער צוגעזאגט א שכר, אז ער זאל זיין דער וואס זאל איינעמען
, און אין אן אופן פון ושלל שללה ובזז בזה וכו'.

איז לכאורה ניט פארשטאנדיק: פארוואס דארף מען מוסיף זיין
דעם חלק אין דער הפטורה, לכאורה האט עס ניט קיין שייכות צו די
אעפ"י אז עס רעדט זיך אויך וועגן מפלת מצרים, ווי ער זאגט אז
וועט זיין ע"י נבוכדנצר, איז עס אבער ניט קיין דירעקטע שייכות,
מפלת מצרים וואלט געקענט זיין אויך באופן אחר. דא דערציילט
ענין וואס איז נוגע לנבוכדנצר, אז זיין שכר וועט זיין אז ער
איינעמען מצרים. וואס דער ענין האט קיין שייכות ניט לכאורה
ער תוכן הפרשה, ולכאורה איז גענוג דער ערשטער הלק פון דער
, ווארום ער איז שוין א ענין שלם, און מ'דארף ניט מוסיף זיין
וייטן טייל?

אזוי אויך איז פאראן נאך אן ענין, וואס דאס איז וואס ער איז
די הפטורה "ולך אתן פתחון פה בתוכם", ד.ה. אז דורך דעם וואס
אה וועט מקויים ווערן, וועלן אידן האבן אמונה אין יחזקאל, אז
י אנדערע נבואות זיינע וועלכע

וואס אויך דער ענין האט קיין שייכות ניט צו מפלת מצרים, ווארום דער "פתחון פה" וואלט געקענט קומען דורך אנדערע נבואות.

היינט פארוואס זאגט מען אויך די ענינים אין דער הפטורה דפרשתינו? (אין זוכרים התירוץ לקושיא זו)

עס קומט צו אויך די שאלה עיקרית:

וואס איז די הוראה נצחית וועלכע מ'קען ארויסנעמען פון די אלע ענינים וועלכע רעדן זיך אין דער הפטורה?

מ'קען ניט זאגן אז די הוראה איז, אז מ'טאר ניט זאגן "לי יאורי ואני עשיתני", ווארום דאס ווייס מען אויך אן דער הפטורה. ווי עס שטייט אין חומש אז זאגן "כחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה" איז היפך כל השקפת התורה, ביז אז דער סמ"ג רעכנט דאס אלס איינע פון די תרי"ג מצות (זיי שוין גערעדט אמאל בארוכה), איז וואס איז דער חידוש ההוראה וואס קומט צו אין דער הפטורה?

אזוי אויך אז מ'דארף פאלגן א נביא, ווייס מען שוין פון פריער, איז וואס איז דא דער חידוש ההוראה?

מ'קען ניט פרעגן אז די זעלבע שאלה איז אויך דא בנוגע צו דער סדרה, אז וואס איז די הוראה, בנוגע לפועל בעבודת האדם, פון דעם וואס עס דערציילט זיך אין דער פרשה וועגן גלות מצרים - ווארום דאס איז פארשטאנדיק, כמבואר בספרי מוסר און מער בארוכה אין ספרי חסידות,

אז דאס וואס די אידן אין מצרים האבן געהאט עבודת פרך, המשברת את הגוף, ביז ווי עס שטייט אין מדרשים, אז מ'האט גענומען קינדער און זיי ארייגעקוועטשט אין די ווענט פון פתום ורעמסס, איז דאס געווען ניט צוליב דעם כריתת ברית וואס דער אויבערשטער האט געמאכט מיט אברהם'ען, אז "ועבדום וענו אותם", ווארום אויב נאר צוליב דעם וואלט געווען גענוג אן אזוינע שטארקע יסורים,

נאר דאס איז געווען דערפאר וואס גלות מצרים און יציאת מצרים זיינען דאך געקומען בחור הכנה למ"ת, כמ"ש בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה, שזהו"ע מ"ת, האט דעריבער געדארפט זיין דוקא דער ענין פון עבודת פרך.

און פון דעם האט מען די הוראה:

עס זיינען פאראן אזוינע וואס טענה'ן: אויב דער אויבערשטער וויל אז א איד זאל מקיים זיין תומ"צ, פארוואס זאל ער דארפן האבן דערצו שוועריקייטן, מניעות ועיכובים ונסיונות וכו', יסורי הגוף ויסורי הנפש, ביז ווי ער זאגט גלייך אין התחלת ד' חלקי שו"ע אז "אל יבוש מפני המלעיגים", אז אעפ"י עס זיינען פאראן אזוינע וואס לאכן פון אים, זאל ער דערפון ניט נתפעל ווערן, וואס בעת מ'לאכט אפ פון א מענטשן איז דאך דאס אן ענין של יסורים,

וכידוע דער ווארט פון כ"ק מו"ח אדמו"ר, אז ביי בעלי שכל באמת זיינען די יסורים - פון טענות עפ"י שכל - א סך גרעסער ווי אנדערע יסורים,

במילא האט ער יסורים פון די טענות, פארוואס דארף מען מקיים זיין תומ"צ, דאס איז דאך געגעבן געווארן מיט טויזנטער יארן צוריק, צו א פאלק וואס איז ערשט דעמאלט ארויסגעגאנגען פון מצרים, און זיי האבן גארניט געהאט, (ראה בהשמטה)

טענה׳ט דעריבער א איד, פארוואס זאל ער דארפן דורכגיין
נע יסורים אויף קיום התומ"צ?

האט מען דעם ענטפער אויף דעם פון גלות מצרים:

מתן תורה האט געקענט קומען דוקא נאך דעם ווי עס איז געוועז
קדמה פון די יסורים אין מצרים, ווייל דוקא דורך דעם וואס א איד
יסורים, און ניט קוקנדיק אויף דעם ברעכט ער זיי דורך און ווערט
נתפעל פון די אלע מניעות ועיכובים, דוקא באופן כזה קען ער נתאחד
ן מיט תורה אינגאנצן.

ווי מ׳זעט בפועל, אז ע"י יגיעה איז מען מגלה טיפערע כחות,
פנימיים וכו׳, און בשעת עס איז פאראן די יגיעה, דעמאלט טוט
אויף דער "ומצאת".

און דאס ווי דער אויבערשטער פון א אידן, אז ער זאל איבער-
זיך לה׳ ולתורתו ניט נאר זיינע כחות פנימיים, נאר אויך די
נעלמים ביז צו כחות פנימיים, און נאך מערער – כחות עצמיים.
עס מאנט זיך דער ענין המס"נ, וכפי׳ אדמוה"ז, אז דאס מיינט מען
ת הרצון, ער זאל אוועקגעבן זיין גאנצן רצון צום אויבערשטן,
א ע"ז ווערט דער אמיתית היחוד מיט דעם אויבערשטן, ווי דער
ר רבי זאגט אין תניא, אז ע"י התורה ווערט נתאחד דער שכל מיטן
ל.

עס איז אויך פארשטאנדיק בפשטות אז עס דארף זיין מסירת
ן, ווארום אויב ער וועט גיין נאר מיט זיין אייגענעם רצון און
זיין הבנה והשגה, קען מען דעמאלט ניט נעמען תורה, וואס איז
ורצונו של הקב"ה, ווארום דאס איז דאך באי"ע לגבי דעם שכל
א נברא, ווייל בורא ונברא זיינען דאך באי"ע ממש איינער פון
טן.

מה-דאך אז "פילא בקופא דמחטא" זאגט די גמרא אז ס׳קען ניט
אפילו אין א חלום, וואס ענינו של חלום איז דאך אז ער איז מחבר
הפכים, אעפ"כ איז אזא ענין הפכי קען אפילו אין א חלום ניט זיין,

וואס דא רעדט זיך דאך ביי אזוינע זאכן וואס ביידע זיינען
מקום בגשמיות, און זיי זיינען בערך זה לזה אין מקום, און זיי
ן דאך ביידע מוגבלים, און עס קען זייך א גרעסערע זאך פאר א
וויך, אעפ"כ זאגט מען אז אין א חלום קען דאס ניט זיין,

עאכו"כ בשעת עס רעדט זיך וועגן בורא ונברא, וואס זיי זיינען
ערוך ממש, און ווי דער אלטער רבי זאגט, אז א נברא איז יש מאין
איז זיכער אז חכמתו של הקב"ה קען ניט דורכגיין דעם קופא דמחטא,
דעם שכל פון א נברא,

דעריבער, בכדי א איד זאל לערנען תורה און דערמיט נעמען אויך
של הקב"ה, וואס דאס איז באי"ע ממנו, מוז פריער זיין דער ענין
סירת הרצון, אוועקגעבן זיך, וואס דאס ווערט אויפגעטאן ע"י די
ות און שוועריקייטן וואס א איד גייט דורך.

דאס איז די הוראה פון דער היינטיקער סדרה, וואו עס ווערט
ילט וועגן גלות ושעבוד מצרים, אז דוקא ע"י הקדמה זו קען מען
תורה,

און דאס גופא

און דאס גופא וואס א איד לייגט זייך שכל אין א זייט, און גיט זיך איבער צום אויבערשטן, מסירת הרצון, אין דעם גופא באשטייט זייך עבודה פרך, וכנ"ל אז ביי א איש שכלי זיינען דאס די גרעסטע יסורים.

דעריבער איז די ראשית העבודה ועיקרה ושרשה - מסירת נפש, ווארום דוקא עי"ז קען מען ווערן פארבונדן מיט אלקות.

דערמיט איז אויך פארשטאנדיק וואס גלייך ווען א איד שטייט אויף פון שלאף, נאך איידער ער איז שייכות צו לימוד התורה בהבנה והשגה, און ער טאר נאך דעמאלט ניט דערמאנען דעם שם וכו' וכו', זאגט ער גלייך "מודה אני לפניך כו' שהחזרת בי נשמתי", וואס דאס מיינט, אז זייך גאנצע מציאות איז אפהענגיק אין דעם אויבערשטן, און דוקא דורך דעם וואס "החזרת בי נשמתי" איז פאראן זייך מציאות. וואס דאס זאגט מען בכל יום ויום, וזהו"ע הקב"ע ומט"נ, כנ"ל.

וואס דאס איז די הוראה וואס מ'קען ארויסנעמען פון דער היינטיקער פרשה. די שאלה בלייבט אבער, וואס איז די הוראה פון דער היינטיקער הפטורה?

ובפרט עפ"י וואס די גמרא זאגט, אז עס איז געווען כפליים ששים רבוא נביאים, און פארשריבן געפינט מען נאר מ"ח נביאים, און די נביאים גופא האבן דאך אויך געהאט א סך מער נבואות ווי עס איז פאר-שריבן אין תנ"ך, נאר די נבואות וואס זיינען פארשריבן געווארן אין תנ"ך זיינען דאס נאר אזוינע וואס הוצרכו לדורות, אז אויך אין שפע-טערדיקע דורות און צייטן קען מען ארויסנעמען א הוראה פון די נבואה.

מוז מען זאגן אז די נבואה איז אויך הוצרכה לדורות, וויבאלד זי איז דאך פארשריבן געווארן, ובפרט נאך אז מ'לייענט עס אין דער הפטורה און מ'מאכט אויף איר א ברכה ראשונה ואחרונה בעת אמירת ההפטורה, וואס דאס ווייזט אז בלי שום ספק ווערט דער ענין אפגעטאן, און עס איז זיכער דא אין דערויף א הוראה,

דארף מען פארשטיין וואס איז די הוראה פון דעם, וכמשי"ת לקמן.

ב. וועט מען עס פארשטיין בהקדים די סתירות וועלכע זיינען פאראן אין דער הפטורה, און בעת מען וועט פארענטפערן די סתירות, וועט בדרך ממילא דערפון ארויסקומען אויך די הוראה.

בשעת ער וויל זאגן אין דער הפטורה א טעם פארוואס מצרים איז נענש געווארן, זאגט ער, לכאורה, צוויי ענינים:

א) ווייל פרעה האט געזאגט "לי יאורי ואני עשיתני", אז זיי דארפן צו קיינעם ניט אנקומען.

ב) "יען היותן משענת קנה לבית ישראל", אז די אידן האבן זיך אויף זיי פארלאזט אז זיי וועלן זיי העלפן, און לפועל האבן זיי ניט געהאלפן, וואס דערפאר האבן די אידן ניט געפאלגט ירמי' הנביא, און געגאנגען צו דער מלחמה, און דערפון איז ארויסגעקומען דער חורבן.

וואס דערפאר האט מען זיי מעניש געווען אין אזא אופן, אז ניט נאר וואס זיי וועלן קיין שליטה ניט האבן אויף אנדערע, נאר ביז אז "לעוף השמים נתתיך לאכלה", אז אנדערע וועלן גאר האבן א שליטה אויף זיי.

ולכאורה

ולכאורה איז ניט פארשטאנדיק: אויב דער טעם אויף מפלת מצרים
"לי יאורי גו׳", איז וואס זאגט ער דעם טעם פון משענת קנה רצוץ.
איז דאך צוויי באזונדערע זאכן וואס עס האט געקענט זיין איינער
דעם אנדערן, עס האט געקענט זיין אז ער זאל זאגן "לי יאורי", און
ניסט צוזאגן העלפן די אידן און דורך דעם זיין א "משענת קנה",
"ז האט געקענט זיין ער זאל זיין א משענת קנה רצוץ, כאטש ער וואלט
געזאגט לי יאורי, ווי די אנדערע מלוכות מיט וועלכע אידן האבן
דעמאלט פארבונדן.

דארף מען פארשטיין וואס איז דער קישור ושייכות פון די ביידע
נים?

אויך דארף מען פארשטיין, דאס וואס ער זאגט אין דער הפטורה,
וויבאלד נבוכדנצר האט איינגענומען צר, און אין אן אופן פון "כל
מקרח וכל כתף מרוטה", דערפאר "פעולתו אשר עבד בה נתתי לו",

דאס וואס נבוכדנצר האט איינגענומען צר איז דאך עס געווען
יב זיך, ווייל זי איז געווען א גוטע שטאט, ובפרט אז זי איז געווען
ף הים, און ער האט דאך געוואלט איינעמען די גאנצע וועלט, ווערן
ושל בכיפה, האט ער געוואלט איינעמען אויך צר,

נאך מער: צר איז געווען אויף דער זייט פון דעם וועג קיין
ים, איז וויבאלד ער האט געוואלט איינעמען מצרים, האט ער געמוזט
נעמען צר כדי מ׳זאל ניט אפהאקן אים אויף דער וועג פון מצרים
בבל, האט ער דאך דאס זיכער געטאן צוליב זיך, און ניט געוואלט
מיט טאן קיינעם קיין טובה, איז פארוואס האט אים דער אויבערשטער
פאר געגעבן שכר?

אמת טאקע, דאס איז געווען דעם אויבערשטנס רצון אז צר זאל
ווערן, אבער נבוכדנצר האט דאס געטאן צוליב זיך, איז פארוואס איז
געקומען דערפאר שכר?

אזוי אויך דארף מען פארשטיין דעם דריטן ענין פון דער הפטורה,
אתן פתחון פה בתוכם גו׳", וכמשי"ת לקמן.

דער ביאור בכל הנ"ל איז:

דער ענין פון "לי יאורי ואני עשיתני" מיט "משענת קנה" זיינען
זה בזה: דורך דעם וואס ער האט געזאגט "לי יאורי ואני עשיתני",
צוגעקומען אז מצרים זאל ווערן א משענת קנה רצוץ.

ווארום אין מצות זיינען דאך פאראן מצות שבין אדם למקום און
שבין אדם לחבירו, און דער קיום פון די מצות שבין אדם לחבירו
זיין מצד בין אדם למקום (ציווי הסי"ת). ען קומען א איד און
ין, פארוואס דארף דער קיום פון די מצות שבין אדם לחבירו זיין
התורה און פארבונדן מיט בין אדם למקום,

ער טוט ניט יענעם קיין שלעכטס ווייל ער איז ניט קיין שלעכטער
, און ער איז בטבע ניט קיין מושחת, ער וועט אים אויך טאן גוטס
ל ער האט מדות טובות מצד טבע תולדתו, און דעריבער איז ער מקיים
תראה ערום וכסיתו" און "עניים מרודים תביא בית" א.א.וו. ובפרט
אז ער איז א רך לב, וועט ער דאס זיכער טאן, ער דארף דאס אבער
טאן מצד מצות שבין אדם למקום.

דער וואס איז

דער וואס איז א שלעכטער בטבעו, מוז אנקומען צו מורא פארן איבערשטן און ערווארטונג פון שכר אין ג"ע, בשעת אבער מ'רעדט וועגן אזא מענטשן וואס האט זיך אויפגעהאדעוועט ניט צווישן חיתי טרף, נאר צווישן בני תרבות, איידעלע מענטשן, איז געגוג אז ער וועט טאן ענינים אלו מצד טבעו, אבער ניט מצד דערויף וואס תורה מאנט ביי אים ער זאל אזוי זיך פירן.

איז די הוראה פון דער הפטורה:

בשעת מ'הויבט אן מיט א שיטה פון "לי יאורי ואני עשיתני", אז ער האלט אז ער דארף צו קיינעם ניט אנקומען און ער קען שטעלן אויף זיך און טאן ווי ביי אים קומט אויס מצד טבעו, דעמאלט פירט זיך אויס סוכ"ס, אז ער טוט יענעם ניט קיין טובה, און עס קען נאך זיין פונקט פארקערט דערפון, ווארום אדם קרוב אצל עצמו, ממילא טראכט ער וועגן זיך מערער ווי וועגן א צווייטן, במילא ווערט מען א משענת קנה רצוץ.

וואס דאס הויבט זיך אן פון זאגן "לי יאורי ואני עשיתני", וואס דער יאור האט געגעבן די וואסער אין מצרים, ניט ווי אין ארץ ישראל וואס ס'איז געווען א סדר פון "למטר השמים תשתה מים", אז מען האט געמוזט אנקומען צו א העכער זאך און מ'האט שטענדיק געדארפט אויס-קוקן אויף ארויף, וואס דאס באווייזט אז מ'איז ניט קיין מציאות פאר זיך, נאר מ'דארף אנקומען צו א העכערע זאך.

אין מצרים איז אבער געווען אן אנדער סדר, זיי האבן דערצו ניט געדארפט אנקומען, פאר זיי האט דער נילוס געגעבן די וואסער, זינט דעם זמן וואס יעקב האט געגעבן די ברכה, אז תהא הנילוס עולה ביז היינט. וואס דאס באווייזט אז זיי דארפן ניט אנקומען צו א העכערע זאך און זיי זיינען א מציאות פאר זיך, ניט וויסנדיק אז עין רואה והפנקס פתוח והיד כותבת, ואתה עתיד ליתן דין וחשבון. וואס דאס האט געמיינט וואס פרעה האט געזאגט "לי יאורי ואני עשיתני".

בשעת מ'שטייט אין אזא מצב, אז ער האלט זיך פאר א מציאות פאר זיך, ובעניננו – אז פאר אים איז געגוג דאס וואס ער איז מקיים די מצות שבין אדם לחבירו מצד זיין טבע, פירט זיך אויס סוכ"ס אז ווען ער פילט אז עס רירט אן זיין ישות ומציאות, ווערט ער א משענת קנה רצוץ, אז לפועל טוט ער פונקט פארקערט ווי יענער וויל, און ער וויל איינגעמען די גאנצע וועלט פאר זיך, ביז אויך דורך אויסנארן אנדערע, אעפ"י אז פריער איז ער בכלל ניט געווען שייך צו זאגן שקר.

עד"ז איז אויך אין די עשה"ד, וואו די לעצטע פיר דברות זיינען מצות שבין אדם לחבירו, ווי לא הגנוב ולא תחמוד וכו', קען מען טראכטן אז דאס זאל ער מקיים זיין מצד טבעו, זעט מען אבער אז ערשט נאך דעם וואס עס איז פאראן דער אנכי כו', די מצות שבין אדם למקום, קען מען צוקומען צו די אנדערע דברות.

ווארום אויב קיום מצות אלו וועט ניט זיין מצד זיין פארבונד. מיט דעם אויבערשטן, וועט קומען דערצו אז ער וועט דעם צווייטן אפנארן, ווארום זיין מציאות איז דאך ביי אים פארט דער עיקר,

ווי די גמרא זאגט אין תמיד, אז מ'האט באווייזן אלכסנדר מוקדון אן אויג פון ג"ע, האט ער געגומען א משקל און פון איין זייט געלייגט די אויג און פון דער אנדער זייט כו"כ ענינים, און וויפל מ'האט נאר

און מ׳האט אים מסביר געווען, אז וויבאלד אין ג"ע זיינען
ענינים לאמיתתם, און באמיתית איז דאך דער אויג פון א מענטשן
מאל ניט זאט, כמש"נ עיני אדם לא תשבענה, און כסדר וויל ער
און מער,

וואס מצד דעם, אויב די ענינים שבין אדם לחבירו קומט ביי אים
זיין טבע, וועט ער סוכ"ס וועלן וואס מערער פאר זיך, ווארום א
ש בטבעו וויל כובש זיין וואס מערער פאר זיך, ביז אז ער וויל
נעמען די גאנצע וועלט,

ע"ד ווי עס שטייט אין תניא (פי"ג) בנוגע א בינוני, אז במשך
ווערט דער יצה"ר שטארקער, ווארום נשמש בו באכו"ש, וואס דערפאר
ער האבן מער באווארעניש. אזוי אויך ביי יעדערן, אז במשך הזמן
ט זיין מציאות גרעסער און גרעסער, ביז ער וויל אז עס זאל ניט
קיין איין זאך וואס איז ניט אונטער אים. און מ׳ווערט סוכ"ס
ענת קנה רצוץ, אז יענעם קומט ארויס פון דעם היפך הטוב.

וואס דאס איז די הוראה פון דעם ערשטן ענין פון דער הפטורה.

אזוי אויך איז פאראן א הוראה פון דעם צווייטן ענין:

די גמרא זאגט (ברכות נח,א) "אורח טוב מהו אומר, כל מה שטרח
לא טרח אלא בשבילי". און אזוי בכלל ווען איינער טוט דעם
טן א טובה, דארף מען אים צוריקצאלן. עס זיינען אבער פאראן
ע וואס זאגן, אז בשעת יענער האט אים געטאן א טובה, דארף ער אים
ט אפצאלן אויף צוריק, ווארום יענער האט ניט געמיינט אים טאן א
ער האט גאר געמיינט זיך מיט טאן די טובה, און ער האט געהאט
אין די טובה. ווי די גמרא זאגט, אז תקנו גשרים און תקנו מרחצאות,
כל מה שתקנו לא תקנו אלא לצורך עצמן.

ביז אז אפילו בנוגע לכיבוד או"א, וואס דארטן איז דא א טעם
אז מ׳דארף זיי צוריקצאלן, ווארום די עלטערן האבן אים אויפגעהא-
ט און אים אויסגעהאלטן מיט אלץ וואס ער האט זיך געגויטיגט, בשעת
ט זיך אליין ניט געקענט העלפן, דארף אויך ער פאר זיי טאן ווען
ענען זיך ניט העלפן. טענה׳ט ער אבער, אז ס׳קומט זיי ניט דערפאר
כבוד, ווארום זיי האבן דאס געטאן מצד טבעם, עפ"י טבע איז האב
על בנו, ווי מ׳זעט א אז בע"ח טוט אויך פאר זיין קינד. האט ער דאס
עטאן ווייל ער האט געוואלט טובתו של הבן, נאר זייער טבע האט זיי
געשטופט, זיי וואלטן ניט געקענט צופרידנשטעלן זייער טבע ווען
ועו דאס ניט,

און אפילו דעם אויבערשטן, וואס האט אים מיט זיינע עלטערן
ט, און כסדר געגעבן די עלטערן די ענינים וואס זיי האבן אים
ן – וואס דערפאר לערנט מען ארויס כבוד ה׳ מיט א ק"ו פון כיבוד
ווארום דאס גופא וואס דער אב גיט אים איז עס פון הקב"ה – דארף
ט אפצאלן, ווארום ער האט אויך אין דערויף געהאט א פני׳, ווי די
זאגט (אבות ספ"ו) כל מה שברא הקב"ה בעולמו לא בראו אלא לכבודו.

איז דער ענטפער אויף די טענה פון דער היינטיקער הפטורה:

דא זעט מען אז דער אויבערשטער האט באצאלט נבוכדנצר פאר דעם
ער האט איינגענומען צר, אעפ"י אז ער האט דערביי געהאט אייגענע
, און ניט געמיינט אויספירן דעם רצון הקב"ה, ביז אז אויב ער

וואלט בעוואוסט אז דאס איז דער רצון העליון, וואלט ער אפשר געטאן אויף צו להכעיס. און אעפ"כ האט דער אויבערשטער אים באצאלט. עאכו"כ ביי א מענטשן דארף אזוי זיין.

וואָרום דער אויבערשטער ווייס דאך וואס ס'טוט זיך אין הארצן, ווייס ער דאך צי יענער מיינט זיך אדער ער טוט עס פאר דעם אויבערשטן, און פונדעסטוועגן האט אים דער אויבערשטער באצאלט דערפאר שכר,

עאכו"כ בשעת עס רעדט זיך ביי א מענטשן, וואס אין אדם יודע מה שבלבו לחבירו, און קען גאר זיין אז יענער האט עס געטאן אן קיינע פניות, נאר לטובתו, דארף ער אים זיכער אפצאלן דערפאר.

נאך מער: אויב אפילו נבוכדנצר וואלט ניט איינגענומען צר, וואלט דאס דער אויבערשטער דורכגעפירט דורך אן אנדער וועג, ווארום הרבה שלוחים למקום, פונדעסטוועגן וויבאלד בפועל האט דאס געטאן נבוכדנצר, האט אים דער אויבערשטער געגעבן דערפאר שכר,

כ"ש ביי א מענטשן, וואס עס קען זיין אז אויב יענער וואלט אים די טובה ניט געטאן, וואלט ער דעם עניין בכלל ניט געהאט, דארף ער דאך זיכער זיין דאנקבאר דערפאר, אעפ"י אז יענער האט געהאט פניות דערביי.

אויך, איז ביי די מעשה פון נבוכדנצר, וואס דער אויבערשטער האט געוואלט אז ער זאל איינגעמען צר, איז עס ניט געווען צוליב אים אליין, נאר ווי עס שטייט אין די ווייטערדיקע פסוקים - מפני תיקון העולם. ואעפ"כ האט אים דער אויבערשטער באצאלט דערפאר, איז דאך זיכער אז ביי א מענטש, וואס די טובה וואס ער האט פון דעם צווייטן איז דאך פאר אים אליין, דארף ער זיכער אפצאלן דעם וואס האט אים דאס געטאן.

דאס איז אויך א ביאור עפ"י שכל אין די מצוה פון ואהבת לרעך כמוך, אז מען דארף ליב האבן יעדער אידן.

ווארום דער רמב"ם זאגט, אז וויבאלד די וועלט איז א מוגבל, האט דאך יעדער חלק פון וועלט א שייכות צו די גאנצע וועלט, במילא בשעת איינער טוט א פעולה אין איין חלק פון וועלט, מוז דאס פועל זיין אויף אלע איבעריקע חלקים פון וועלט.

עיקר העולם איז דאך תומ"צ, וכמארז"ל חייב אדם לומר בשבילי נברא העולם וכו', און כל העולם לא נברא אלא לצוות לזה,

במילא איז אזוי אויך בתומ"צ, אז א גוטע זאך וואס איינער טוט, פועל'ט עס אויף די גאנצע וועלט.

דערפאר איז די מצוה פון ואהבת לרעך כמוך צו יעדער אידן, ווארום יעדער דבר טוב וואס א איד טוט - אפילו ער איז ווייט דערפון - פועל'ט עס אויף אים. און דאס איז זיכער אז יעדער איד טוט גוט, צי ער האט נעכטן געטאן גוט, צי ער וועט עס טאן מחר, אדער אפילו מחרתיים, אבער דאס איז זיכער אז א איד טוט גוט, ובמילא דארף זיין ואהבת לרעך כמוך צו יעדער אידן.

ניט קוקנדיק אויף דערויף וואס בשעת דער צווייטער טוט די גוטע זאך, טראכט ער גארניט וועגן אים, איז דאס פונקט ווי ביי נבוכדנצר, וואס בשעת ער האט איינגענומען צר, האט ער דאס ניט געטאן פאר דעם אויבערשטן, נאר צוליב זיך, ואעפ"כ האט אים דער אויבערשטער געגעבן שכר.

אזוי אויך בטעת א איד טוט א צווייטן א טובה, איז ע"י הפעולה
וואס ער טוט, אעפ"י אז ער טראכט גארניט וועגן אים, דארף ער אים
אר ליב האבן, שזהו"ע מצות ואהבת לרעך כמוך.

וואס די הוראה נעמט מען ארויס פון דעם וואס דער אויבערשטער
אפגעצאלט נבוכדנצר, און אין דעם איז געלעגן כמה כוונות, סיי די
כוונה פון געבן שכר צו נבוכדנצר, און סיי אז אידן זאלן האבן
דעם א הוראה ווי צו פירן זיך (ווי מ׳געפינט ביי מצות, אז יעדער
איז כלול פון אלע תרי"ג מצות ).

אויך פון דעם דריטן ענין איז פאראן א הוראה אין א ענין
איז א יסוד בדת, ובהקדים וואס לכאורה איז ניט פארשטאנדיק: די
ה צווישן נבוכדנצר און מצרים איז עס געווען א גרויסע מלחמה
שן צוויי פון די גרעסטע מלוכות פון דער וועלט אין יענער צייט,
דאך פארשטאנדיק אז אין דעם זיינען געווען פארמישט הונדערטער
טויזנטער מענטשן פון ביידע צדדים, כולל אויך טויזנטער אידן, און
האט גענומען א משך פון כמה וכמה שנים,

איז ווי קען מען זאגן אז די גאנצע תוצאה דערפון וועט זיין
אתן פתחון פה גו׳", וואס איז געווען צוליב א קליינע צאל אידן
בע האבן נאך לע"ע ניט געגלויבט אין יחזקאל, ווארום עס זיינען
געווען א סך אידן דעמאלט אין א"י ביי ירמי׳, און צווישן די וואס
ען געווען מיט יחזקאל זיינען דאך געווען אזוינע אידן וועלכע
יא געגלויבט אין יחזקאל, איז דער גאנצער "ולך אתן פתחון פה"
צן נאר צוליב א מיעוט וועלכע האבן אין אים ניט געגלויבט, איז
קומט עס אז צוליב דעם האט געדארפט זיין די גאנצע מלחמה מיט
פיל מענטשן וכו׳?

נאר פון דעם זעט מען אז ביי דעם אויבערשטן איז כדאי טאן די
ענינים, אויב נאר עס וועט דערפון ארויסקומען א טובה, אפילו נאר
פאר אידן.

איינע פון פילע פראקטישע הוראות פון דעם:

דאס לערנט אונז ווי עס דארף געלייגט ווערן די גרעסטע השתדלות
צו זיין אן איינצעלנעם אידן אפילו. אעפ״י מ׳קען טענה׳ן אז בכלל
ן אידן "אתם המעט מכל העמים", א קליינע הייפעלע לגבי גוים, און
ן אידן גופא איז נאר אזיף מיעוט קען ער אויפטאן, ווארום אנדערע
ו פון די אויף וועלכע ער קען אויפטאן) זיינען ביי ירמי׳, אדער
נדערע נביאים. במילא טענה׳ט ער, אז וויבאלד אז סיי ווי קען ער
אן נאר מיט א מיעוט, ועאכו"כ אויב נאר מיט איינעם, איז פארוואס
ר אוועקגעבן זיין גאנצן לעבן אויף דערויף. מילא א האלבע שעה, א
א טאג, דריי טעג - דאס קען ער אפגעבן. ווי אבער מאנט מען פון
ז ער זאל אפגעבן אזוי פיל השתדלות און שווערקייט כל ימיו צו
שפיע זיין אויף איין אידן, ובפרט אז ער איז גארניט זיכער צי ער
אויף יענעם פועל׳ן.

אויף דעם ענטפערט מען מיט דער הוראה פון דער הפטורה, אז דער
רשטער האט געפירט גאנצע מלחמות מיט גרויסע מדינות א משך זמן,
די תוצאה דערפון איז געווען עס זאל זיך אויפטאן "ולך אתן פתחון
ו׳" ביי א מיעוט אידן. אזוי דארף אויך ער משפיע זיין אויף נאך
ן און נאך א אידן, זען ער זאל ווערן א מניח תפילין און א שומר
וכו׳, אעפ"י אז ער וועט דארפן קערן א וועלט.

ווארום יעדער פרט איז נוגע, וכפתגם הבעש"ט, אז א נשמה קומט אראפ אויף דער וועלט און לעבט אפ זיבעציק אכציק יאר צוליב טאן א אידן א טובה, און צוליב דעם איז כדאי מאטערן א נשמה און איר אראפשיקן לעוה"ז הגשמי, א ירידה מאיגרא רמה לבירא עמיקתא.

וואו איז דער מקור אויף דעם פתגם פון בעש"ט? – איז דער מקור אויף דעם פון די מעשה אין תנ"ך מיט נבוכדנצר, וואס פון דארטן זעט מען, אז א איד דארף אוועקגעבן זיין לעבן און באווידקן א צווייטן אידן. ניט ער זאל טענה'ן: מילא דאטוועגן א איד בגשמיות, דאס וועט ער טאן, ווארום המקיים נפש אחת מישראל כאלו כו', אבער טאן א אידן א טובה און זען אז ער זאל איין מאל א מצוה, דאס וועט ער ניט טאן. דארף ער וויסן, אז יעדער פרט איז נוגע, ווי מ'זעט אין דער הפטורה.

אזוי אויך איז פאראן בחייו הפרטים פון יעדער אידן אליין, וואס ער טענה'ט: מילא אזוינע מצות וועלכע זיינען חמורות שבחמורות, איז בדאי זיך איינשטעלן מיט מס"נ אויף זיי מקיים זיין, אבער אזוינע מצות וואס זיינען מער ניט ווי קלות שבקלות, און דער מדרש אליין רופט זיי אזוי אן, און אזוי אויך בשעת עס רעדט זיך וועגן א דקדוק קל של ד"ס, וואס דארף ער זיך איינשטעלן אויף דעם מקיים צו זיין;

אויף דעם ענטפערט מען אים, אז דער מדרש גופא זאגט אל תהי יושב ושוקל במצותי' של תורה. וועלכע מצוה עס זאל נאר ניט זיין, איז אין איר פאראן דער רצון העליון, און עס איז ניט נוגע קיין כמות אדער איכות. אויב עס איז נאר א מצוה , איז כדאי זיך פארלייגן בכדי דאס מקיים צו זיין.

פונקט ווי מיר זעען אז דער אויבערשטער האט געפירט אזא גרויסע מלחמה, וואס די תוצאה אירע איז געווען אז עס זאל צוקומען נאך איין איד א שומר תומ"צ וכו', עד"ז ביי יעדן איינעם איז יעדער קלייניקייט נוגע.

יעדער ענין אין תורה קומט אויף אראפ אין א הלכה. דעד"ז בענין זה. און דאס איז וואס דער רמב"ם פסק'נט אין ספר היד שלו, אז לעולם יראה אדם את עצמו שקול ואת כל העולם שקול, וע"י פעולה אחת איז ער מכריע את כל העולם כולו לכף זכות.

וואס דאס איז א הלכה פסוקה אין רמב"ם, און דורך דערויף וואס ער גיט זיך איינגאנצן אוועק, איז ער מכריע את כל העולם כולו לכף זכות.

ג. שיחה כעין מאמר עה"פ וידבר אלקים גו' וארא גו'.

ד. עס איז איינגעפירט לאחרונה, אז בעת דעם פארברענגען לערנט מען א פסוק חומש מיט רש"י.

מ'איז אויך געבליבן שולדיק א רש"י פון פרשת ויחי, וואס מען האט ניט פארענטפערט די קושיות, און צווישן די וועלכע האבן אריינגע-שריבן תשובות אויף דער רש"י, זיינען געווען אזוינע וואס האבן די רש"י פארבונדן מיט א רש"י אין פרשת וארא,

און דאס איז וואס אויף דעם פסוק ותעל הצפרדע (ח,ב) איז רש"י מפרש: "צפרדע אחת היתה והיו מכין אותה והיא מתזת נחילים נחילים, זהו מדרשו. ופשוטו יש לומר שרוץ הצפרדעים קורא לשון יחידות, וכן ותהי הכנם הרחישה פדוליר"א בלע"ז ואף ותעל הצפרדע גרינוליר"א בלע"ז".

ג. אין סיום ההפטורה איז דא אן ענין וואס האט לכאורה ניט קיין שייכות צו דעם ענין וועגן וועלכע עס רעדט זיך אין דער הפטורה: דער תוכן פון דער הפטורה באשטייט פון דער נבואה אז אזוי ווי מצרים האט זיך געפירט ניט ווי עס דארף צו זיין, דארף זי באקומען אן עונש, וועט זי דערפאר האבן א מפלה, און בסיום ההפטורה רעדט זיך וועגן נבוכדראצר מלך בבל, אז דער אויבערשטער האט געזאגט אז אזוי ווי "נבוכדראצר גו׳ העביד את חילו עבודה גדולה אל צר גו׳ ושכר לא הי׳ לו ולחילו וגו׳" (יחזקאל כט, יח), דערפאר וועט מען איבערגעבן מצרים אין די הענט פון נבוכדראצר מלך בבל, וואס דאס וועט זיין א שכר פאר "פעולתו אשר עבד בה" ביים איינעמען צר.

ולכאורה איז דאס ניט נוגע און דאס האט קיין שייכות ניט צו דעם גאנצן תוכן הענין, ווארום אט דער ענין וועגן נבוכדראצר מלך בבל איז ניט פארבונדן מיט מצרים און מיט׳ן עונש וואס מצרים דארף באקומען, דאס איז א זייטיקע זאך, אז אזוי ווי ביי נבוכדראצר מלך בבל איז געווען "פעולתו אשר עבד בה" ביים איינעמען צר, און ער האט ניט באקומען קיין שכר, דערפאר וועט זיין איצטער "והיתה שכר לחילו" און מ׳וועט איבערגעבן מצרים צו עם אין די הענט, איז דאס לכאו׳ נאר א זייטיקע זאך וואס איז ניט נוגע און האט קיין שייכות ניט צו די נבואה וועגן מצרים, וואס וועגן דערויף רעדט זיך אין דער הפטורה.

האט מען גערעדט אמאל (ש"פ וארא תשכ"ז) באריכה וועגן דעם, אז אויך אט דער ענין איז פארבונדן און איז נוגע לתוכן ההפטורה, וואס דאס איז פארבונדן מיט׳ן ענין הידוע פון דעם ראגאטשאווער (צפע"נ עה"ת ר"פ מסעי, ועוד) אז אויב דער עיקר דארף סיי ווי זיין, צי מ׳דארף אויך זוכן א כוונה און א מטרה אין דעם פרט, אדער וויבאלד אז דער עיקר מוז דאך זיין, דארף מען שוין ניט זוכן קיין כוונה און מטרה אין דעם פרט, און ווי מ׳האט שוין יעמולט גערעדט באריכה בנוגע צו דער הפטורה, און מסתמא האט דאס אימיצער פארשריבען (חסר קצת).

אין די אגרות פון ניחום וועלכע דער אלטער רבי האט געשיקט בקשר מיט דעם ענין פון הסתלקות, זיינען דא צוויי אגרות אין אגה"ק, פרק זך און פרק כח (סי׳ כ"ז און סי׳ כ"ח): וואס בפשטות איז דער חילוק צווישן די צוויי אגרות, אז דעם ערשטן אגרת (סי׳ כ"ז) האט דער אלטער רבי געשריבן בקשר מיט די הסתלקות פון א נשיא בישראל, ר׳ מענדעלע הארודאקער, וואס ער איז געווען דער נשיא פאר א זמן נאכן מגיד, ובפרט דערנאך אין א"י; און דעם צווייטן אגרת האט דער אלטער רבי געשריבן ניט בקשר מיט א נשיא בישראל, נאר בקשר מיט א צדיק בישראל, דער זון פון ר׳ לוי יצחק בארדיטשאווער, וואס דאס האט א שייכות צו אלע אידן, "ועמך כולם צדיקים" (ישעי׳ ס, כא) יעדער איד איז א צדיק, און ווי מ׳זעט אז ער רעדט דארטן אין דער אגרת וועגן די ענינים פון פרה אדומה, וואס די ענינים פון פרה אדומה זיינען שייכות צו יעדער איד ובהנוגע צו יעדער איד.

דעם ערשטן אגרת האט דער אלטער רבי געשריבן מיט א ביאור אויפ׳ן אגרת, איז בשעת מ׳לערנט דעם אגרת [בשעת <u>מ׳לערנט</u> איז אנדערש, אבער בשעת <u>מ׳לייענט</u> דעם אגרת] אליין אן דעם ביאור קוקט דאס אויס ווי דער אלטער רבי האט זיך באנוצט מיט מליצות, און מליצות על מליצות, מיט לשונות פון פסוקים, ולשון נופל על לשון, ווי עס איז געווען דער דרך דעמאלט בימים ההם און אויך בזמן הזה, אבער בשעת מ׳לערנט דעם ביאור

יאור : דער אגרת אליין רעדט זיך בעיקר וואס מ׳קען מקבל זיין פון דעם
ניא – ער זאגט טאקע אז דאס איז דער ענין פון שבק חיים לכל חי, אבער
עיקר רעדט ער דאך וואס די תלמידים קענען פון עס מקבל זיין, אבער אין
עם ביאור רעדט ער בעיקר וואס ער האט אופגעטאן,

עד"ז איז דא נאך א שינוי: אין דעם ביאור רעט ער בעיקר וועגן
עס וואס די תלמודים זיינען מקבל פון אים אן ענין פון לימוד ודיבור,
שא"כ אין דעם אגרת זאגט ער דעם לשון "פעולתו אשר עבד בה", אן ענין
ון פעולה, וואס דאס איז נאך למטה אפי׳ פון ענין המעשה, ווי עס איז
ארשטאנדיקפון דעם ענין פון"כוח הפועל בנפעל" וואס דאס איז נאך
דעריקער פון עשי׳, דאס איז בהתגשמות יותר אפי׳ פון דעם ענין המעשה,
ן ווי עס איז מובן אויך פון די דרושים וואו מ׳רעדט וועגן דעם ענין
ן שם העצם, שם הכינוי ושם הפעולה.

מ׳זוכט דאך וואו עס שטייט אט דער לשון "פעולתו אשר עבד בה" איז
אס א פסוק אין היינטיקע הפטרה, בנוגע נבודראצר מלך בבל, אז "פעולתו אשר
בד בה נתתי לך ארץ מצרים"

לכאורה איז דאס אבער אינגאנצן ניט פארשטאנדיק: בשעת דער אלטער
בי דארף ארויסברייגען דעם עילוי פון א נשיא בישראל, דארף ער נוצן א
ון וואס שטייט ביי נבודראצר מלך בבל?! געוויס האט דער אלטער רבי
קענט געפינען אן אנדער לשון אויף דעם? און ביי נבודראצר גופא שטייט
ס ניט בנוגע דער מעמד ומצב ווי ער איז "שבט אפי" (ישעי׳ י,ה). פון דעם
יבערשטן בשעת ער האט זיך געשלאגן מיט אידן, נאר דאס שטייט בשעת
בוכדראצר האט זיך געשלאגן מיט א צווייטן גוי: בשעת ער איז אין מצב
ן "שבט אפי", איז דעמאלט שטייט (שם,ל"ד) "והלבנון באדיר יפול", אז
דארף אנקומען צו אן "אדיר" ווארום ניט יעדערער קען שלאגן אידן, ניט
האט א קטלא קניא, ווארום וויבאלד אז דאס רעדט זיך וועגן "לבנון"
עגן ביהמ"ק, וואס איז אן אדיר, אין קדושה, דארף מען אויף דערוף האבן
אדיר אין לעו"ז, | און ווי ס׳זיינען אין דערוף כמה שאלות מיט ביאורים
הרוואס דארף מען אנקומען צו אן אדיר, און פארוואס דארף מען בכלל אנ-
מען צו לעו"ז, וויבאלד אז אידן זיינען סיי ווי מהוייב בזה, מיט די
גה טעמים בזה וואס אין כאן המקום לבארם, אבער עכ"פ אזוי איז דער ענין
"לבנון באדיר יפול"; משא"כ בשעת ער שלאגט זיך מיט א צווייטן גוי
ז אן געוואלדן.

זעט מען אז דעם לשון "פעולתו אשר עבד בה", שטייט ניט בשעת
בוכדראצר מלך בבל האט זיך געשלאגן מיט אידן, וואס דעמאלט איז ער געשט-
ען אין א מעמד ומצב פון "אדיר", נאר דאס שטייט בשעת ער האט זיך געש-
אגן מיט א צווייטן גוי, מיט צר.

איז דאך לגמרי ניט פארשטאנדיק: בשעת דער אלטער רבי דארף ארויב-
יינגען דעם עילוי פון א נשיא בישראל, האט ער געקענט געפינען אן אנדער
ון וואס זאל ארויסברייגען דעם ענין, פארוואס נוצט ער דוקא א לשון
אס שטייט ביי נבודראצר מלך בבל בקשר מיט זיין מלחמה מיט צר? ס׳איז
ך ניט בלויז וואס דער אלטער רבי האט געשריבען דעם אגרת צו די משפחה,
ר די בני המחבר האבן דערנאך דאס אפגעדרוקט אלץ א חלק פון ספר תניא
דיקא, וואס דעמאלט איז דאס א הוראה פון תושב"כ פון הסידות לכל או"א;
אס אפי׳ אויב דער אלטער רבי וואלט געשריבן דעם אגרת בלויז צו די
שפחה, וואלט דאס אויך געווען מדוייק אין אלע פרטים, עאכו"כ אז דאס
ז דערנאך געווארן א חלק פון תניא, איז דאך פארשטאנדיק אז יעדער ענין
ז געשריבן געווארן בתכלית הדיוק, און דאס וואס דער אלטער רבי נוצט
קט אט דעם לשון, איז דאס ווייל דער ענין וועלכע ער וויל זאגן האט
קע א שייכות צו דעם "פעולתו אשר עבד בה" וואס שטייט ביי

דער ביאור בזה: עס איז דא דער ענין פון "פעולתו אשר עבד בה" ניט נאר אין לעו"ז, נאך אבער אין קדושה, און דער סדר בזה איז פונקט ווי אין אלע ענינים, אז דא אין קדושה, און וויבאלד אז ס'דא אין קדושה קומט דאס דערנאך אראפ ביז אין לעו"ז, און דאס איז וואס דער אלטער רבי שרייבט אין דעם אגרת, בנוגע צו א נשיא בישראל, "פעולתו אשר עבד בה", ווארום דאס איז דער "פעולתו אשר עבד בה" אין קדושה, און דערנאך איז דא ווי דער ענין קומט אראפ און ווערט נמשך אויך אין לעו"ז, וואס דאס איז דער ענין פון "פעולתו אשר עבד בה" וואס שטייט ביי נבודראצר.

ע"ד ווי דאס איז אין דעם ענין פון "והלבנון באדיר יפול", אז וויבאלד ס'איז דא דער "אדיר" אין קדושה, ווערט דערפון נמשך ס'זאל זיין אן "אדיר" אויך אין לעו"ז, וואס ער האט אין זיך א געוואלדיקן ניצוץ; וואס דאס איז דער ענין פון "והלבנון באדיר יפול" דוקא, ווארום "לבנון" איז דער ענין פון "אדיר" אין קדושה, און אז דאס זאל פאלן קען זיין דוקא דורך אן "אדיר" פון לעו"ז,

במילא בשעת מ'וויל וויסן וואס איז דער ענין פון דער הילולא פון כ"ד טבת און די הילולא פון עשירי בשבט – וואס הייעטיקן שבת איז מחבר זיי ביידע, ווארום דאס איז דאך דער שבת מברכים ר"ח שבט, וואס ר"ח איז כולל אין זיך כל ימי החדש, ועאכו"כ א יום עיקרי בחדש – עשירי בשבט, און דאס איז דער שבת נאך כ"ד טבת, וואס אין שבת זיינען עולה כל ימי השבוע, כולל אויך דעם טאג פון כ"ד טבת איז מצד דעם ענין פון "מדעתו ושלא מדעתו" (אבות פ"ג מט"ז, וכפי' הבעש"ט בזה (הובא בלקוטי מהר"ן סי' קי"ג)) קען מען דאס וויסן פון דעם אגרת וואס דער אלטער רבי אליין האט געשריבן בקשר מיט די הסתלקות פון א נשיא בישראל, ובפרט מיט איינעם וואס איז געווען א תלמיד פון דעם בעש"ט מיט'ן מגיד.

דער ביאור אין דעם וואס דער אלטער רבי שרייבט אין דעם אגרת אז ס'איז געווען "פעולתו אשר עבד בה", דער ענין פון פעולה דוקא, איז ווי מ'האט גערעדט כמה פעמים אין די מאמרים און אין די שיחות אז די עבודה פון די נשיאים איז באשטאנען אין דעם ענין פון פעולה דוקא, טאן א אידן א טובה בגשמיות: אזוי איז געווען דער סדר ביי נשיאי חב"ד, און נאך פאר דעם ביי די נשיאים פון הסידות הכללית, אנהויבענדיק פון דעם בעש"ט אז די ערשטע זאך פלעגט מען זוכן טאן א אידן א טובה בגשמיות, א פעולה בגשמיות; און אזוי איז אויך געווען די עבודה פון די צדיקים נסתרים בימי הבעש"ט, אז מ'פלעגט ארום גיין צווישן אידן אויף ארויסהעלפן און טאן זיי א טובה בגשמיות, און דאס איז ניט געווען אין אן אופן פון עשי', וואס דער ענין פון עשי' איז דאך א דרגא אין עם, אין דעם צדיק, וואס דעמאלט וואלט די השפעה געווען פארבונדן מיט עניננו פון דעם צדיק – מיט רוחניות, נאר דאס איז געווען אן ענין פון פעולה – אפגעטיילט פון עם, אז ס'איז ניט קענטיק אין דער השפעה אז דאס איז פארבונדן מיט א צדיק – מיט רוחניות, נאר א טובה בגשמיות, און ערשט דערנאך, לאחרי ווי מ'האט ארויסגעהאלפן אין די צרכים הגשמיים, האט מען זיי אנגעהויבן געבן רוחניות, ענינים פון תורה ומצות.

דערפאר זאגט דער אלטער רבי "פעולתו אשר עבד בה", ווארום דערפון איז געווען די התחלה און דאס איז א נקודה עיקרית אין דער עבודה פון די נשיאים, אז האט מען געטאן א פעולה בגשמיות, מ'האט געזוכט ארויסהעלפן אידן בגשמיות, דאס איז געווען די ערשטע זאך, און ערשט דערנאך קומט צו דער ענין פון הורנו, אז מ'האט משפיע געווען ברוחניות, אין די עבודה
... תורה ומצוה

ון נאך מער ווי פריער, ווי מ'זאגט אז "אשתכח בכלהו עלמין יתיר מבחיוהי"
ון ווי מ'איז מבאר בנוגע דעם לשון "הסתלקות", אז דער פי' בזה איז ניט
ן ענין של סילוק, נאר אדרבה, דאס איז א גילוי פון אזא הויכע דרגא אז
אס קען נישט נמשך ווערן למטה נאר אין אן אופן פון אסתלק, וכמבואר אין די
רושים פון הסתלקות - פון י' שבט.

און וויבאלד אז זיי געפינען זיך דא יעצט אויך דערפאר קאן מען
ון זיי מקבל זיין אלע השפעות פונקט ווי פריער, ביז אז מ'קען גאר מקבל
יין נאך מער, ווי ער איז מבאר אין דעם ביאור אז וויבאלד אז ס'איז שוין
יטא די מדידות והגבלות פון דעם גוף, קען מען פון עם מקבל זיין די השפעות
יתר שאת ובתיר עז, אע"פ אז דאס רעדט זיך וועגן א צדיק גמור פון א נשיא
ישראל, וואס אזוי איז ער געווען זייענדיק א נשמה בגוף, איז דאך במילא
ארשטאנדיק אז די מדידות והגבלות פון אזא גוף (פון א נשיא בישראל)
יינען אויך ניט קיין געווענליכע מדידות, אבער אעפ"כ זיין דאך איבער
ראפ אויף אט די מדידות, במילא זיינען מאיר זיינע השפעות ביתר שאת און
'קען דערכון מקבל זיין נאך מער ווי פריער.

און זיי זיינען מאיר (ווי ער זאגט אין דעם ביאור) בפנימי ובמקיף,
יז אז דאס איז מאיר לששים רבוא נשמות, ע"ד ווי דער שמש איז מאיר - אפי'
לילה - לששים רבוא כוכבים, וואס דאס איז דער ענין פון " אתפשטותא דמשה
כל דרא", ווי ער זאגט אין תקוני זהר (ת' ס"ט) אז ביי יעדער איד איז
אראן א ניצוץ פון משה רבינו, וואס דערפאר זאגט מען (ברכות ל"ג,סע"ב
ז"לגבי משה מילתא זוטרתא היא" ווי דער אלטער רבי איז מבאר אין הביא
פ' מ"ב) אז דאס מיינט מען לגבי דעם משה שבכל אחד ואחד, וואָרום ביי
עדער איד איז פאראן די בחי' פון משה שבנשמתו, און ווי מ'האט גערעדט
מה פעמים (ראה שיחת ש"פ וארא תשל"א בארוכה), אז די בחי' פון משה שבו
יז ניט אין אן אופן פון העלם, נאר דאס שטייט באופן אז דאס איז פארבונדן
ון איז שייכות צו פועל, וואס דערפאר קען מען פון עם מאנען "ליראה את
' אלוקיך" (עקב י,י"ב) מיט די אלע ענינים וועלכע ער רעכנט דארטן אויס
ין דער פרשה.

ומובן אז וויבאלד אז ביי יעדער איז פאראן די בחי' פון משה
בנשמתו, דארף שוין ביי עם אויך זיין אט די עבודה ווי עס איז געווען
יי די נשיאי ישראל, "פעולתו אשר עבד בה", ארויסהעלפען אידן בגשמיות,
ואס דורך דערוף וועלן מ'איד זיין די ענינים והשפעות וואס מ'דארף פון
יי מקבל זיין, און דאס איז מאיר , ווי געקרעדט פריער, בפנימי ובמקיף.

(חסר קצת) ביז עס וועט מקויים ווערן דער "והקיצו ורננו שוכני
פר" (ישעי' כ"ו, ט) והם בתוכם, ובקרוב ממש.

מאמר כעין שיחה עה"פ וארא אל אברהם וגו'.

מ'האט גערעדט אין דעם פריערדיקן פארברייגען (כ"ד טבת) וועגן
ם ענין פון "ערב", וואס דאס איז ווי ער זאגט אין פסוק (וארא ח, י"ז -
י"ח) "הנני משליח בך גו' את הערב" און עס וועט זיין "והפליתי ביום
הוא את ארץ גשן אשר עמי עומד עלי' לבלתי היות שם ערב וגו' ";

שטעלט זיך רש"י אויף "משליח בך" און איז מפרש: "מגרה בך" ; וואס
מגרה" איז פון לשון "ואל תתגר בם" (דברים ב,ט), פון לשון אנרייצן ;
ון רש"י טוט דא אויף אז מען זאל נישט לערנען אז דאס איז ע"ד ווי עס
טייט פאר דעם "כי את אינך משלח" וואס דאס מיינט שיקען, נאר דאס מיינט
מגרה בך".